# הליכות החיים

ויקרא - צו-הגדול | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תע"ח

בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד הרה"ח ר' **יעקב אהרן ווערצבערגער** שליט"א
לשם נשמת כ"ק מרן **הגה"ק בעל התורת מרדכי מוויזשניץ זצוק"ל** - יא"צ כ"ט אדר
שזכה לשמשו במסירות נאמנה בכל לבו ונפשו - זכותו הגדול והקדוש יגן עליו

ולרגל החיתון שנעשו לו יפות למז"ט בשעטומ"צ סמוך ונראה ליומא דהילולא קדישא
באירוסי בנו החתן היקר **ירוחם זאב** נ"ו - עב"ג **הכלה המהוללה תחי'** בת מוה"ר **בנימין זאב גליק הי"ו**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות

# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (לד)

### אויב מען דארף נעמען מעדיצינען

**שאלה: איינער וואס דארף נעמען מעדיצינען לויט די אנווייזונגען פונעם דאקטער, צי דארף ער מברר זיין צי עס איז אריינגעמישט דערין חמץ?**

**תשובה:** בדרך-כלל איז נישט אריינגעמישט קיין חמץ אין די מעדיצינען, און אויך שלינגט מען עס אראפ און מען עסט עס נישט כדרך אכילה ווי עסן וואס מען צעקייט, און אזוי אויך האט עס נישט קיין גוטן טעם. דערפאר, אויב מען דארף נעמען מעדיצינען אויף דער אנווייזונג פונעם דאקטאר, דארף מען מעיקר ההלכה נישט מברר זיין צי עס איז דא עפעס אריינגעמישט דערין, און אזוי אויך אויב מען ווייסט אז עס האט קטניות קען מען דאס נעמען.

### ריינגען דאס פלעשל

בנוגע דעם פלעשל אין וואס עס ליגט די מעדיצין וואס מען וויל ניצן פסח, דארף מען אכטונג געבן עס צו ריינגען, אדער זאל מען אריבערלייגן די מעדיצין אין א פרישן פלעשל, וויבאלד מען נעמט די מעדיצינען דורכ'ן יאר צוזאמען מיט עסן ביי פרישטאג א.ד.ג., און עס קען זיין אנגעקלעבט חמץ אינעם פלעשל.

### נישט אליין מחמיר זיין ח"ו

עס איז וויכטיג מעורר צו זיין, אז אויב מען וויל מחמיר זיין נישט צו נעמען מעדיצינען אלס א חומרא, מוז מען דאס פריער דורכרעדן מיט'ן דאקטער און באקומען דערויף זיין פולע באשטעטיגונג אז "עס איז זיכער נישט קיין געזונטהייט-פראבלעם" ווען מען נעמט עס נישט איין וואך, און אנדערש טאר מען אין קיין פאל נישט אליין מחמיר זיין ח"ו, וויל זייער אפט איז דאס א סכנה, וואס אמאל שאט עס גלייך און צומאל נאך עטליכע טעג ח"ו, און עס איז דא דערביי א חיוב פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם".

### נעמען וויטאמינען פסח

**שאלה: צי קען מען נעמען וויטאמינען אום פסח?**

**תשובה:** נעמען וויטאמינען וואס זענען נישט כשר לפסח איז אסאך הארבער ווי מעדיצינען, וויבאלד דער מציאות איז אז אפטמאל איז אריינגעמישט דערין חמץ, און אויך איז דאס נישט עפעס וואס מען מוז נעמען לויט א דאקטער, און אויך די וויטאמינען וואס מען דארף נעמען לויט א דאקטער העלפן אסאך מאל ווען מען נעמט עס פאר יום טוב. דערפאר מוז מען מברר זיין און זיכער מאכן אז עס איז כשר לפסח, און אז נישט זאל מען עס נישט נעמען.

### וויטאמינען לויט א דאקטער

אין א פאל וואס מען דארף נעמען וויטאמינען לויט א דאקטער און עס איז נישטא כשר

## די עצה פאר א כשר'ן פסח

דער מחבר שרייבט ביים אנהייבן הלכות פסח, "שואלין בהלכות פסח קודם לפסח שלשים יום", און דער רמ"א לייגט צו, אז מען פירט זיך צו קויפן ווייץ צו טיילן פאר די ארעמעלייט. שטעלן זיך אלע, וואס איז דאס שייכות צווישן לערנען הלכות פסח און קויפן ווייץ צו טיילן פאר עניים? האט הרה"ק רבי שמואל קאמינקער זי"ע געענטפערט דערויף, אז ווען א איד קוקט אריין אין שלחן ערוך און זעט די אלע הלכות אין וואס מען דארף נזהר זיין פסח, הייבט ער אן מורא האבן, ווי אזוי קען מען זיין פארזיכערט אז מען וועט טאקע זוכה זיין צו האבן א כשר'ן פסח, אן קיין שום חשש? זאגט דער רמ"א, אז די עצה דערויף איז, אז מען זאל זיכער מאכן צו פארזארגן די ארעמעלייט, אז אויך זיי זאלן האבן אלעס וואס זיי דארפן אויף יום טוב, און דעמאלט קען מען מקיים זיין אלע הלכות פון פסח און האבן א כשר'ן פסח, אן קיין שום חשש און מכשול ח"ו.

ביי רבי שמואל קאמינקער אליין האט אמאל אזוי פאסירט, אז א איד איז געקומען צו לויפן אינמיטן יום טוב און זיך אפגערעדט פאר אים אז ער האט געטראפן א ווייץ אינעם פאס וואסער. רבי שמואל האט אים געזאגט, אז ער זאל נישט זארגן וויל עס קען נישט זיין אז דאס האט פאסירט. ווען דער איד האט זיך נישט בארואיגט, איז רבי שמואל געגאנגען צוזאמען מיט אים און ארויסגענומען דאס "ווייצל" פון פאס און עס צעברעקלט. ער האט געוויזן פאר דעם איד, אז עס איז נישט קיין ווייצל, נאר א גראזל וואס איז דארט אריינגעפאלן.

הרה"ק רבי שמואל קאמינקער האט דערנאך ערקלערט פאר דעם איד, אז ער זאל נישט מיינען אז דאס איז געווען רוח הקודש, ווען ער האט געזאגט מיט אזא זיכערקייט אז עס איז נישטא קיין ווייצל אין פאס, נאר וויבאלד פאר יום טוב, ווען רבי שמואל איז ארומגעגאנגען נאך געלט פאר "קמחא דפסחא" (זאמלען געלט פאר צרכי יו"ט פאר ארעמעלייט), האט דער איד אים געגעבן א גרויסן סכום געלט, האט ער געוואוסט אז די מצוה וועט זיכער מגין זיין אז


**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

לע"נ בני יקירי, שסבל חולי ויסורים ומ"מ התחזק להיות בשמחה ולקבל דרכי שמים באמונה, קידש שם שמים בכל דרכיו ובפרט שמירת עיניו בביה"ח, ולא וויתר מקביעות עתים לתורה גם בזמנים הכי קשים ע"ד תורה שלמדתי באף

**מוה"ר יוסף אפרים פישל משה ע"ה**

**יא"צ ג' ניסן ת.נ.צ.ב.ה.**

ימליץ טוב בעד בניו יבלחט"ט שנדבו להנציח שמו

**מוה"ר מרדכי והב' דוד שי'**

לפסח, זאל מען דאס דורכרעדן מיט א מורה הוראה.

### נעמען "טאמס"

**שאלה: די וואס נעמען "טאָמס" נאכ'ן עסן וכדומה פאר הארץ-ברענעניש, מעגן דאס נעמען פסח?**

**תשובה:** מען מעג נעמען נאר וואס עס איז כשר לפסח.

### "מעלאטאנין"

**שאלה: די וואס נעמען "מעלאַטאָנין" צו קענען איינשלאפן, בפרט קינדער, מעגן דאס נעמען פסח?**

**תשובה:** "מעלאטאנין" האט אין זיך קטניות, דערפאר זאל מען עס נישט נעמען. עס זענען דא ענליכע זאכן וואס האבן נישט קיין קטניות און זענען כשר לפסח.

אויב א קינד קען נישט איינשלאפן מיט קיין אנדער זאך און ווערט בגדר חולה, זאל מען דאס דורכרעדן מיט א מורה הוראה.

### זייף, שעמפו, א.ד.ג.

**שאלה: זייף, שעמפו, א.ד.ג. וואס איז געמאכט זיך ארומצוואשן דעם גוף, דארף מען אכטונג געבן אז עס זאל זיין כשר לפסח?**

**תשובה:** להלכה איז נישטא קיין איסור ווען עס איז אריינגעמישט חמץ, וויבאלד עס איז נישט ראוי לאכילה און מען עסט עס נישט, נאר מען שמירט עס. דאך ברענגען די פוסקים אז מען זאל מחמיר זיין נישט צו ניצן עפעס וואס האט אין זיך אריינגעמישט חמץ, ווייל עס זענען דא וואס האלטן אז שמירן איז אזוי הארב ווי טרינקען.

אויב איינער איז אנגעוויזן אויף א ספעציעלן שעמפו, שמירעכץ, א.ד.ג., וואס האט אין זיך אריינגעמישט חמץ, זאל מען פרעגן א שאלה פון א מורה הוראה.

### קאסמעטיק

דאס זעלבע איז אויך לגבי קאסמעטיק א.ד.ג., אז עס איז ריכטיג מברר צו זיין אויב עס איז כשר לפסח.

### פארקויפן דעם חמץ ביי נאך א רב

**שאלה: איך האב שוין פארקויפט מיין חמץ ביים רב, אבער היות עס קומט מיר אויס צו דאווענען פרייטאג צו-נאכטס אין איין פלאץ, שבת ביי שחרית אין אן אנדער פלאץ, און אינדערוואכן ערגעץ אנדערש, וויל איך וויסן צי איך קען עס פארקויפן אויך ביי די רבנים פון יענע בתי מדרשים, אדער וויבאלד כ'האב שוין פארקויפט דעם חמץ ביי איינעם קען איך עס נישט נאכאמאל פארקויפן ביי א צווייטן?**

**תשובה:** מען קען עס פארקויפן ביי נאך רבנים אויך נאכדעם וואס מען האט עס שוין פארקויפט ביי איין רב.

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

ער זאל האבן א כשר'ן יום טוב, און דעריבער איז אוודאי נישט אריינגעפאלן ביי אים א וויץ אינעם וואסער.

("נתיבות קודש" - שיחות, סיפורים והדרכות מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

## זיך פירן מיט'ן שותף בנאמנות

עס איז באקאנט וואס דער רמב"ם שרייבט אין הלכות יום טוב: "א מענטש איז מחוייב זיך צו פרייען אין די ימים טובים, און ווען ער עסט און טרינקט איז ער מחוייב צו געבן צו עסן פאר'ן גר, יתום און אלמנה און אנדערע אומגליקליכע ארעמעלייט, און ווער עס פארשליסט די טיר און עסט און טרינקט מיט זיין פרוי און קינדער און גיט נישט פאר ארעמע און צעבראכענע לייט, הייסט דאס נישט קיין שמחת מצוה, נאר 'שמחת כריסו', זיך אנצופילן מיט עסן".

דער "חפץ חיים" ערקלערט דאס מיט א מעשה. צוויי שותפים האבן געפירט צוזאמען א מוצלח'דיג געשעפט. איינער האט געהאט די אויפגאבע צו ברענגען קליענטן און האנדלען מיט זיי. ער האט איינגעמאנט דאס געלט און געפירט אלע חשבונות. דער אנדערער האט זיך אפגעגעבן מיט דער סחורה, זיכער צו מאכן אז עס איז גוטע קוואליטעט און עס אפשיקן צו די קונים, און ביידע האבן ארויסגענומען פון דעם געשעפט שיינע פארדינסטן.

מיט דער צייט זענען אויפגעקומען אנדערע סוחרים וואס האבן אנגעהויבן קאנקורירן מיט זיי. די שותפים האבן יעצט געהאט ווייניגער קונים, וועלכע האבן נישט געצאלט געהעריג פאר דער סחורה. האט דער שותף וואס האט געפירט די חשבונות געזאגט פאר'ן אנדערן שותף, "מיר דארפן אויפהערן זיך פירן מיט א ברייטן לעבענס-שטייגער. עס איז נישטא קיין געלט, און מיר דארפן שפּאָרן פון די טעגליכע הוצאות און צוזאמען דורכשווימען די שווערע תקופה, ביז דער מצב וועט בעסער ווערן."

דער אנדערער שותף האט איינגעשטימט. ער האט דאך אים געטרויט ווען עס קומט צו חשבונות און האט אליין געזען אז די געשעפטן גייען נישט ווי אמאל. ער האט אים פארזיכערט אז פון יעצט אן, ביז עס וועלן זיין בעסערע צייטן, וועט ער נעמען פון די פארדינסטן נאר ממש אויף ברויט און וואסער.

עס איז אריבער א צייט, און די געשעפטן האבן צוריק אנגעהויבן זיך פארבעסערן און עס האבן ווידער אנגעהויבן קומען קונים, האט דער

היי יאר איז דא א לאנגע
**שבת נאכמיטאג**
זיך אנצוגרייטן וואס צו פארציילן פאר די קינדער
ב"ה ס'איז דא מיט וואס...
פאר האלסעיל רופט 845.641.9496



## ערבי פסחים

## ערב פסח שחל בשבת


**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' אהרן בר"י פישער הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי בנו הבחור החתן
כמר **יוסף** נ"י עב"ג **הכלה החשובה** תחי'
בת ידידנו מוה"ר **חיים דוד דירנפעלד** הי"ו

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם
לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות
ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא


### דאנערשטאג י"ב ניסן - טאג פון בדיקת חמץ

#### תענית בכורים

**א]** "תענית בכורים" - דער מנהג אז די בכורים פאסטן ערב פסח - איז היי-יאר דאנערשטאג, אין טאג פון בדיקת חמץ.

**ב]** היינטיגע צייטן, וואס רוב בכורים פירן זיך נישט צו פאסטן נאר מען מאכט אדער מען הערט א סיום מסכתא, איז כדאי צו מאכן א סיום ביידע טעג, דאנערשטאג און פרייטאג[1].

### דאנערשטאג נאכט - בדיקת חמץ

#### בדיקת חמץ - ליל ששי

**ג]** די אלע הלכות פון בדיקת חמץ גייען אן היי-יאר אזוי ווי אלע יארן (כאטש עס איז צוויי טעג פאר פסח).

**ד]** גלייך נאך מעריב דארף מען בודק חמץ זיין, און מען טאר נישט טון קיין שום מלאכה פאר'ן בודק חמץ זיין. אזוי אויך טאר מען נישט לערנען און נישט עסן קיין ברויט אדער מזונות מער ווי א "כביצה". מען מעג עסן פרוכט א.ד.ג. און טרינקען, אבער מען זאל זיך נישט פארזוימען דערמיט לאנג[2].

**ה]** מען איז בודק חמץ מיט א ברכה, און נאך בדיקת חמץ זאגט מען "כל חמירא", מבטל צו זיין דעם חמץ וואס מען האט נישט געטראפן ביים בודק חמץ זיין (אז עס זאל זיין בטל און הפקר און מען זאל נישט עובר זיין פסח).[3]

#### ברכת "על ביעור חמץ"

**ו]** פאר'ן בודק חמץ זיין זאגט מען די ברכה "על ביעור חמץ", און די ברכה גייט ארויף אויך אויפ'ן פארברענען דעם חמץ און אויפ'ן מבטל זיין דעם חמץ ערב פסח.

#### אויב ס'פעלט א ברעקל

**ז]** אויב מען ציילט איבער די שטיקלעך וואס מען האט געלייגט פאר'ן בודק חמץ זיין און מען זעט אז עס פעלט איין שטיקל און מען טרעפט עס נישט (און מען ווייסט אויף זיכער אז מען האט געלייגט צען שטיקלעך), איז די הלכה אז אויב עס איז ווייניגער ווי א כזית דארף מען נישט נאכאמאל בודק זיין און מען קען זיך פארלאזן אויף דעם וואס מען איז מבטל דעם חמץ (מיט'ן זאגן "כל חמירא"). [אויב עס איז א כזית זאל מען נאכאמאל בודק זיין אָן א ברכה - צוליב דעם איז כדאי אכטונג צו געבן אז יעדע שטיקל זאל זיין ווייניגער ווי א כזית, אבער אלעס צוזאמען זאל זיין א כזית[4].]

### פרייטאג צופרי - י"ג ניסן

#### תפלת שחרית ערב שבת

**ח]** ערב שבת זאגט מען "מזמור לתודה" ווי געווענליך (כאטש ערב פסח זאגט מען נישט)[5], און אזוי אויך זאגט מען "למנצח יענך" און "בית יעקב" (ווייל עס איז נישט ערב יום טוב)[6].

#### שריפת חמץ

**ט]** שריפת חמץ מאכט מען לכתחילה, אזוי ווי אלע יארן, פאר פינף שעה אין טאג ("שעות זמניות" - היי-יאר 11:39)[7]. בדיעבד קען מען פארברענען דעם חמץ א גאנצן טאג.

**י]** מען זאגט די תפלה "יהי רצון" ביי שריפת חמץ אזוי ווי יעדעס יאר, אבער "כל חמירא" זאגט מען שבת.

#### חמץ נאך שריפת חמץ

**יא]** מען מעג עסן חמץ ערב שבת א גאנצן טאג[8].

שותף וואס האט זיך אפגעגעבן מיט דער סחורה געפרעגט דעם אנדערן שותף, צי מען קען זיך שוין ערלויבן נאכאמאל צו לעבן א ברייט לעבן, אבער יענער האט געענטפערט, "אמת טאקע, אז דער מצב האט זיך שוין אסאך פארבעסערט, אבער עס האלט נאך ביים אנהייב ווען דאס געלט האט קוים אנגעהויבן אריינקומען, און דערפאר דארפן מיר צוואווארטן נאך א האלב יאר ביז מיר וועלן קענען נאכאמאל אנהייבן לעבן אויפ'ן שטייגער ווי אמאל."

ווען דער שותף וואס האט באהאנדלט די סחורה איז אהיימגעקומען און איבערגעגעבן פאר זיין פרוי וואס דער אנדערער שותף האט געענטפערט, האט זי זיך אנגערופן צו אים, "טו מיר א טובה און רייס תיכף איבער דאס שותפות מיט אים, פאר עס וועט זיין צו שפעט..."

"פארוואס זאל איך דען צעברעכן דאס שותפות?" האט ער זיך געוואונדערט. "ער זאגט דאך פארשטענדליכע רייד, אז ווייל עס זענען געווען שווערע צייטן זאל מען נאך דערווייל לעבן אביסל שפארזאם ביז דער מצב וועט זיך שטארק צוריק אוועקשטעלן?"

"אויב וואלט ער אויך געלעבט קארג," האט זי געענטפערט, "וואלט איך דאס טאקע פארשטאנען, אבער איך זע ווי ער מיט זיין פרוי לעבן א חיים טובים, און אין דער צייט וואס ער הייסט דיר שפארן, האט ער שוין איבערגעבויט זיין גאנצע הויז און זיין פרוי קויפט זיך דאס טייערסטע צירונג. אזא סארט שותפות, וואס איינער דארף קארגן און דער צווייטער לאזט זיך ברייט וואוילגיין, איז קיין שותפות נישט. ער איז נישט קיין שותף, נאר א פשוט'ער שווינדלער."

זאגט דער חפץ חיים: אז עס קומט יום טוב, איז דא א מצוה "ושמחת בחגך". זאגט אונז דער רבוש"ע: איך גיב אייך פון אלעם גוטן, אבער איך דארף אז איר זאלט געדענקען אז איך האב דא אויך א שותפות-חלק, און דאס זענען די ארעמעלייט וואס האבן נישט וואס צו עסן. מילא, ווען מען שפארט אלעמאל פאר זיך ווייל מען האט נישט, איז נישטא קיין תביעה, בפרט ווען אין די צייטן פון "עקבתא דמשיחא", וואס די קעשענעס זענען ליידיג, "עד שתכלה פרוטה מן הכיס".

אבער ווען עס קומט יום טוב, קויפן מיר זיך ב"ה איין פון אלעם גוטן. און ווי אזוי פירט מען זיך מיט'ן שותף פון הימל? צי גיט מען אים אויך אפ זיין חלק, אדער דארט קארגט מען? מיר דארפן אינזין האבן און געדענקען די נויטבאדערפטיגע און זיי שטיצן מיט א ברייטער

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת

מוה"ר **שמואל דוד** ב"ר **צבי פינחס הכהן** ע"ה

מוה"ר **ישכר בער** ב"ר **טובי' גדלי'** ע"ה

לא השאירו אחריהם זש"ק
ונא ללמוד לעילוי נשמתם

**יב]** דעם חמץ וואס מען לאזט איבער צו עסן פרייטאג און שבת זאל מען לייגן אין אן אפגעהיטענעם פלאץ.

## פרייטאג נאכמיטאג

### מצות-באקן

**יג]** מען פירט זיך צו באקן מצות אויף די סדר-נעכט ערב שבת נאכמיטאג. אזוי אויך זאגט מען הלל ביים באקן, און די וואס פירן זיך אלעמאל ערב פסח ביים באקן צו זאגן מיט א ברכה פריער און נאכדעם (כמנהג צדיקי טשערנאביל), זאגן אויך היינט הלל מיט א ברכה.

### מלאכות נאך חצות

**יד]** דעם יאר קען מען זיך שערן ערב שבת נאך חצות, און אזוי אויך מעג מען טון אלע מלאכות, ווי פוצן די שיך, וואשן וועש און די ערד, און אזוי אויך מעג מען נייען אלע בגדים וואס מען דארף פאר יו"ט.

**טו]** אזוי אויך מעג מען א גאנצן טאג כשר'ן נייע אדער חמצ'דיגע כלים, קאונטערס, א.ד.ג., און אזוי אויך די ציין (זע הערה°).

### כשר'ן די ציין

**טז]** לכתחילה זאל מען פרייטאג כשר'ן די ציין (פאלשע ציין, און אזוי אויך רוב מענטשן וואס האבן "פילונגען" אין די ציין) - ד.ה. אז מ'שווענקט אויס די מויל מיט הייסע וואסער דאס מערסטע וואס מען קען פארנעמען - און שבת זאל מען נישט עסן (דער וואס האט פאלשע ציין אדער א פילונג) קיין הייסע חמץ, ווי לאקשן, קוגלען, א.ד.ג., וואס עס איז אזוי הייס ווי דער שיעור פון "יד סולדת בו" (עס זענען דא וואס זענען מקיל, זע ווייטער).

### צוגרייטן דעם האטפלעיט

**יז]** די וואס קאכן פאר די סעודות אין א חמצ'דיגער קיך און שטעלן ארויף דאס עסן

האנט, און נאר דעמאלט איז דאס אן אמת'ע און ערליכע שותפות.

## ווען ס'איז נישט דא קיין צייט צו ציילן געלט

כידוע, פלעגט דער בריסקער רב, בעל "בית הלוי" זצ"ל, שטענדיג זארגן פאר ארעמעלייט און נויטבאדערפטיגע. איינמאל איז אריינגעקומען צו אים אן ארעמאן און האט זיך שטארק אויסגערעדט פאר אים איבער זיין שווערן מצב, אז ער האט נאר-וואס א שידוך געטון מיט זיין טאכטער נאכדעם וואס זי האט געווארט לאנג צו טרעפן איר באשערטן, און דא האלט ער שוין א חודש צו דער חתונה און ער האט נישט קיין פרוטה איר חתונה צו מאכן.

זאגט אים דער בריסקער רב, אז יעצט אויפ'ן מאמענט האט ער גארנישט ביי זיך אים צו געבן, ווייל אלעס וואס ער האט געהאט אין שטוב האט ער שוין פארטיילט. "איך האב אבער פאר אייך אן עצה," האט דער בריסקער רב אים געזאגט. "אין צוויי וואכן ארום, וועט דער עושר פון שטאט חתונה מאכן א קינד. געווענליך ווען ער מאכט חתונה, ברענגט ער אריין צו מיר א שיינע סומע. קומט אריין יענעם טאג, וועל איך עס אייך באלד געבן, וועט איר קענען גיין צו דער חתונה מיט א רואיג הארץ."

אין דעם באשטימטן טאג, איז דער עושר פון שטאט טאקע אריינגעקומען נעמען א ברכה ביים רב, און פאר'ן ארויסגיין האט ער איבערגעלאזט א גרויסן סכום געלט. דער רב האט אים שטארק באדאנקט און ארויסבאגלייט פון שטוב מיט ווארעמע ברכות. ווי-נאר דער רב קומט ארויס אין גאס, זעט ער ווי דער ארעמאן, וועלכער האט זיך געזארגט אז א צווייטער וועט אים אויסכאפן, שטייט שוין דארט און ווארט אים אפ. דערזעענדיג דעם רב, איז דער ארעמאן באלד צוגעקומען, און דער רב האט אים דערלאנגט דעם גאנצן קאנווערט מיט'ן געלט וואס דער עושר האט אים אהינגעגעבן.

דער עושר האט דאס אלץ צוגעזען און עס האט אים זייער פארדראסן. דער רב האט ניטאמאל איבערגעציילט דאס געלט וואס ער האט אים געגעבן. הייסט עס, אז געלט האט ביים רב נישט דאס מינדסטע חשיבות. ווי אזוי - האט ער שוין אנגעהויבן נאכטראכטן אויפ'ן רב'ס ערליכקייט - קען ער דאן זיצן און פירן דין-תורות, אז ער פארשטייט גארנישט צו געלט און קען זיך נישט ריכטיג באציען דערצו?


בס"ד

פינת צדקת צדיקי הדורות

הגה"צ הטפסר הגדול רבי אברהם חיים דוד סופר (המכונה אח"ד סופר) זצ"ל
נשיא ארץ הקודש כולל חבת ירושלים צדקת רבי מאיר בעל הנס
נכד מרן הגה"ק **הכתב סופר** זצוק"ל נשיא ארץ הקודש לצדקת רבי מאיר בעל הנס
יומא דהילולא ז' ניסן

...יבינו זאת אחינו שבאמעריקא, אנגליה וכדו', כי אחריות של אלפי נפשות עדתנו בארה"ק, מוטלת אך ורק עליהם ולא על זולתם, כי להם משפט הגאולה ורק בידים אמצעי ההצלה. טכסו עצה לעשות בעוד מועד ולא תאבד עדה שלימה בארה"ק. וזכות המצוה תעמוד לנו ונזכה לגאולת ישראל כדכתיב ציון במשפט תפדה וגו'.
והננו כו"ח בברכה
הק' **אברהם חיים דוד סופר**
בהמוהריל"ס ז"ל מדרוביטש

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת על קבר רבי מאיר בעל הנס

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

ליידיגט אויס אייער פושקע נאך היינט!
רופט אריין אייער לאקאלע אפיס און מיר וועלן שיקן א גבאי אפנעמען אייער פושקע געלט

**גליון המוגדל נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד העומד לימיננו לזכות את הרבים

**מו"ה ר' משה אלי' פאללמאן הי"ו**

**לרגל התעטרו ב"עטרת זקנים" בהולדת הנכדה הבכורה למז"ט**

**אצל חתנו מוה"ר אליהו באכנער הי"ו**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל בהלכות חג בחג ובקיום מצוותיה, יעמוד בעדו שיזכה להמשיך בפעליו החשובים,
ובזכות זה יזכה לבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

אויף א האַטפלעיט און פארשפארן דערנאך די קיך איבער פסח, זאלן אנשטעלן פרייטאג דעם האַטפלעיט מיט א שבת-זייגער א.ד.ג., אז עס זאל זיך אויסלעשן נאך דער סעודה. אויב מען האט פארגעסן, מעג מען שבת בעטן א גוי עס אויסצולעשן (ווייל עס איז א חשש סכנה אז עס זאל ארבעטן דריי טעג).

### אויב מ'וועט אראפנעמען שבת דעם פלאסטיק-טישטוך

**יח]** אויב מען וועט אראפנעמען שבת דעם חמץ מיט'ן פלאסטיק-טישטוך וואס דער לייכטער ליגט דערויף נאכ'ן אויסברענען, זאל מען מאכן פאר שבת א לאך אינעם טישטוך, אז מען זאל עס קענען ארויסשלעפען אן אנרירן דעם לייכטער.

### הדלקת נרות שבת

**יט]** דער מנהג איז, אז די וואס פירן זיך פסח נישט צו צינדן קיין שמן-זית ליכט צינדן אויך דעם שבת נישט קיין אויל-ליכט.

## סעודות שבת

### דריי סעודות

**כ]** עס איז א חיוב צו עסן שבת דריי סעודות, און לויט טייל פוסקים איז דאס א חיוב מן התורה. מען איז יוצא דעם חיוב סעודה נאר ווען מ'וואשט זיך צו עסן חלה[10].

**כא]** וויבאלד שבת צופרי, ערב פסח, טאר מען נישט עסן קיין חמץ נאכ'ן סוף זמן אכילת חמץ, און מצה טאר מען אויך נישט עסן ערב פסח, דערפאר דארף מען זיך גאר שטארק צואיילן און דאוונען גלייך צופרי און דערנאך זאל מען עסן צוויי סעודות, און מען זאל עסן חמצ'דיגע חלות ביי די סעודות[11].

**כב]** עס זענען דא אסאך וואס פירן זיך, אויסער דעם וואס מען עסט סעודה שלישית אינדערפרי, צו עסן נאכמיטאג פירות א.ד.ג. לכבוד שלש סעודות.

### הייסע חמץ

**כג]** מען פירט זיך צו עסן אלע מאכלי שבת ווי געוויינליך. עס זענען דא אסאך וואס פירן זיך, נישט צו עסן קיין הייסע חמץ, ווי קוגלען, א.א.וו. (ווי ערקלערט פריער), אבער הייסע זופ מיט לאקשן דערין קען מען עסן[12]. (אנדערע פירן זיך יא צו עסן הייסע קוגלען אזוי ווי יעדן שבת און דערנאך כשר'ן נאכאמאל די ציין.)

### די שבת-סעודות פאר קינדער

**כד]** קינדער אין עלטער פון חינוך דארפן אויך עסן די ערשטע צוויי שבת'דיגע סעודות ביינאכט און אינדערפרי - דאס איז נאר אויב זיי זענען וואַך, מען דארף זיי נישט אויפוועקן אינדערפרי צו עסן די סעודה. אבער סעודה שלישית קענען זיי יוצא זיין מיט מאכלים וואס מען עסט נאכמיטאג.

**כה]** פאר קינדער קען מען געבן ביי די סעודות פסח'דיגע "מצה עשירה", וואס איז געבאקן מיט מי פירות, אדער אייער-מצה (egg מצה), און מען קען זיך וואשן דערויף און מאכן "המוציא" און בענטשן[13].

◄

1. בשו"ע סי' ת"ע י"א שמתענים ביום ה' וי"א שאין מתענין כלל, והמנהג שעושין הסיום ביום ה' ונכון לעשות גם בער"ש, וכן המנהג בסקווירא. 2. דהרי צריך לבדוק תיכף בתחלת הלילה בלא שהיה הרבה (ביאור הלכה סי' תל"א ד"ה ולא יאכל). 3. מ"ב סי' תמד סק"א ובסי' תע ס"ב. 4. עי' שערי תשובה סי' תל"ב סק"ז. 5. לפי שבבהמ"ק הי' אפשר לאכול הלחמי תודה היום ביום י"ג ובליל י"ד. 6. אף לאותם הנוהגים לא לאומרו בכל ערב יו"ט, כדעת העמדין בסידורו. 7. והגם שעדיין אוכלין חמץ אח"כ, מ"מ כדי שלא יטעו בשאר שנים לשרוף מאוחר. 8. ויש נוהגין שלא לאכול אחר סוף זמן אכילת חמץ שלא יבואו לטעות בשאר שנים (אבל אין המנהג להחמיר). 9. ויש מחמירים להגעיל קודם זמן איסור חמץ משום סרך כל השנים. אבל כלים הבלועים ממשהו חמץ בודאי יש להקל כל היום. 10. כמבואר בשו"ע ופוסקים בהל' שבת. 11. ויש שנוהגים לחלק הסעודה לשנים, שמברכין בהמ"ז ואח"כ ממשיכים בשאר מאכלי הסעודה לכבוד סעודה-שלישית. 12. דבדברים לחים אין לחוש כשאוכלם חם בכלי שני, רק בדבר גוש דדינו ככ"ר. 13. דאף שדינו כפת כיסנין שברכתו מזונות מ"מ בסעודת שבת דינו כקביעות שברכתו המוציא, עיין שע"ת סי' קס"ח וסי' רע"ד. 14. כמבואר בשועה"ר ובמ"ב שאם אינו יודע מה מספרים מותר להאכילו. ואין חילוק בין קטן או קטנה. 15. כמבואר בסי' קפ"ד ס"א ובשועה"ר ס"א דברואה מקומו יכול לברך אפי' מבית לחצר. 16. הנה לכתחילה יש לחוש להסוברים

---

עס איז אומפארמיידליך, אז עס זאלן נישט ארויסקומען ביי אים קיין טעות'ן אין הלכה.

וואס מער ער האט אריינגעטראכט אין דער זאך, איז ביי אים אלץ קלארער געווארן אז דער רב קען נישט מער בלייבן זיצן אויפ'ן רבנות-פאסטן אין שטאט. ער האט גלאזט רופן די אנדערע ראשי קהילה און זיי דערציילט די "שרעקליכע געשעעניש" וואס ער האט בייגעוואוינט ביים רב, און עס איז געבליבן צווישן זיי אז מען דארף אפזאגן דעם רב פונעם רבנות און זוכן א נייעם רב, וואס פארשטייט יא צו געלט און וועט וויסן ווי אזוי צו באהאנדלען ריכטיג די שאלות אין שטאט.

מיט'ן שליחות איבערצוגעבן דעם באשלוס צום רב, איז באאויפטראגט געווארן איינער פון די קהילה-פירער. אריינקומענדיג צום בריסקער רב, האט ער אים איבערגעגעבן די החלטה פון דער קהילה, צוזאמען מיט א געזעגענונגס-בריוו, אין וועלכן ער ווערט אפגעזאגט פונעם רבנות.

האט דער בריסקער רב זיך אנגערופן צו אים, "איך בין גערן גרייט תיכף-ומיד אפצוטרעטן פון אמט, און אזוי וועל איך האבן מער צייט צו לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן מיט א רואיגקייט, נישט דארפנדיג טראגן אויף זיך דעם עול פון שטאט. איך וואלט אבער גערן געוואלט צו וויסן פאר וועלכער זינד מען זאגט מיך אפ פון דעם פאסטן."

דער ראש הקהל האט איבערגעזאגט פאר'ן רב די מעשה מיט'ן געלט פונעם עושר וואס ער האט אוועקגעגעבן מיט א גלייכגילטיגקייט פאר'ן ארעמאן אָן איבערציילן, דערוייזנדיג דערמיט אז דאס געלט האט נישט ביי אים קיין ווערט. "א רב, וואס געלט פארנעמט נישט ביי אים קיין ארט, פילן מיר אז ער האט נישט די ריכטיגע פעאיגקייט צו קענען פירן די שטאטישע ענינים," האט ער ערקלערט.

"איך האב צו אייך א שאלה," האט דער רב אים דאן געפרעגט. "אויב וואלט געקומען צו דיר א קאזאק מיט אן אויסגעשטרעקטער שווערד אין האנט און געזאגט אז אויב גיבסטו אים נישט אהין דאס גאנצע געלט וואס דו פארמאגסט דערשטעכט ער דיך צום טויט - צי וואלטסטו עס אים באלד אהינגעגעבן כדי זיך צו ראטעווען דאס לעבן, אדער וואלטסט פריער אפגעציילט דאס געלט?"

"אוודאי וואלט איך אים באלד געגעבן דאס גאנצע געלט אן קיין חשבונות און זיך נישט גענומען די צייט עס איבערצוציילן בשעת עס הענגט איבער מיר די געפאר פון טויט. איך וואלט געטון אלץ זיך צו ראטעווען דאס לעבן."

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' שמואל שערמאן הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי **בתו הכלה החשובה תחי'**
עב"ג החתן היקר כמר **דוד אייזענבערגער** נ"י
למז"ט בשעטומ"צ

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות

**כו]** פאר גאר-קליינע קינדער (ביז בערך פינף יאר אלט) קען מען געבן געהעריגע פסח'דיגע מצות (וואס זענען כשר פאר מצות מצוה). כאטש ערב פסח איז אסור מדינא דגמרא צו עסן מצה, אבער גאנץ-קליינע קינדער וואס פארשטייען נאכנישט דעם ענין פון יציאת מצרים מעגן עסן מצה א גאנצן טאג[14].

### גיין צו אן אנדער פלאץ אינמיטן דער סעודה

**כז]** אויב מען מאכט קידוש און מען עסט די חלה אויף א חמצ'דיגן פלאץ, און דערנאך וויל מען עסן די סעודה פון פסח'דיגע מאכלים אויף א פסח'דיגן פלאץ, דארף מען לכתחילה קענען זען פון דארט דעם פלאץ וואו מען האט געגעסן די חלה, און דאן קען מען דארט אויך בענטשן[15]. אויב עס פעלט אויס, קען מען עסן דארט אפילו אויב מען זעט נישט דעם פלאץ, אבער מען זאל צוריקגיין צום ערשטן פלאץ פאר'ן בענטשן און עסן דארט נאך א שטיקל חלה און בענטשן[16] (זע הערה[17]).

### אויב מ'עסט די אנדערע מאכלים נאכ'ן סוף זמן אכילת חמץ

**כח]** אויב מען האט אנגעהויבן די סעודה נאענט צום סוף זמן אכילת חמץ און עס איז דא צייט צו עסן נאר חלה אינעם שיעור פון א "כביצה", און די איבעריגע מאכלי שבת וועט מען שוין עסן נאכ'ן סוף זמן אכילת חמץ, דארף מען מאכן א ברכה אויף אלע מאכלים, כאטש מען עסט אויפ'ן זעלבן פלאץ, ווייל די מאכלים האבן מער נישט קיין שייכות צו דער חלה אויף וואס מען האט געמאכט "המוציא". דעריבער איז כדאי אין אזא פאל אז מען זאל ערשט בענטשן און דערנאך עסן די אנדערע מאכלים.

## סוף זמן אכילת חמץ און ביעור חמץ

### סוף זמן אכילת חמץ

**כט]** נאך פיר שעה אין טאג ("שעות זמניות"[18]) איז דער "סוף זמן אכילת חמץ" (היי-יאר: 10:21), און מען דארף זען צו ענדיגן שלש-סעודות פאר דעם זמן.

### סוף זמן ביעור חמץ

**ל]** נאך פינף שעה אין טאג ("שעות זמניות") איז דער "סוף זמן ביעור חמץ" (היי-יאר: 11:39), ווען מען דארף האבן אויסגערוימט דעם חמץ פונעם רשות, און אין א געווענליך יאר דארף מען ביז דעמאלט האבן פארברענט דעם חמץ.

### ווי אזוי אויסצורוימען דעם חמץ

**לא]** דעם חמץ וואס איז געבליבן נאכ'ן זמן אכילת חמץ, קען מען צעברעקלען און אריינוואַרפן אין בית הכסא (וויבאלד שבת קען מען עס נישט פארברענען)[19].

**לב]** אויב מען האט ארויסגעטראגן דעם חמץ פונעם אייגענעם רשות פאר'ן סוף זמן ביעור חמץ און געלייגט אויף א הפקר-פלאץ, איז מען נישט עובר אויפ'ן איסור חמץ אפילו אויב מען זעט עס און מען ווייסט אז עס וועט בלייבן דארט גאנץ פסח. דעריבער קען מען ארויסלייגן דאס מיסט-

◄

"גלייב מיר," האט דער "בית הלוי" אים געזאגט, "דער פחד וואס איך האב ווען עס שטייט מיר פאר די אויגן אן ארעמאן וואס האט נישט קיין געלט צום לעבן, וואס דער פסוק זאגט 'לא תקפוץ את ידך מאחיך האביון', זאלסט נישט צוריקציען די האנט פון דיין ארעמען ברודער וואס דארף דיין הילף און שטיצע - איז ביי מיר אסאך מער, ווי דער פחד וואס דו שפירסט ווען דער קאזאק שטייט קעגנאיבער דיר מיט אן אויסגעשטרעקטער שפיז און דראט דיר מיט'ן ערגסטן. אין אזעלכע מינוטן האב איך קיין צייט צו ציילן געלט און מאכן חשבונות."

## שבע ביום הללתיך

לכבוד מכון הליכות החיים,

עס האט דערציילט א איד פון ארץ ישראל: איך האב א חבר, וואס שוין א פאר יאר וואס איך זע ווי די מצוה פון ברכת המזון איז ביי אים זייער באליבט, און ער איז מדקדק צו בענטשן פון אינעווייניג און אויפ'ן קול. איינמאל האב איך אים געפרעגט, "איך זע ווי דו בענטשסט מיט אזא כוונה און א ווארעמקייט. פון וואו האסטו דאס ווארעמקייט דערצו?"

"איך וועל דיר דערציילן," זאגט ער מיר. "עטליכע יאר צוריק - ה' תמוז, תשע"ה - בין איך געווען ביי א חתונה אין ארץ ישראל, און איך האב דארט געטראפן עטליכע חברים. אינמיטן דער חתונה, האבן מיר זיך געשטעלט שמועסן איינער מיט'ן אנדערן, און איינער פון די חברים האט זיך אנגערופן, 'מען גייט שוין אוועקנעמען די טישן און בענקלעך, אפשר זעצן מיר זיך בענטשן און דערנאך וועלן מיר ווייטער שמועסן?'

"זייענדיג נישט באזונדערס אויסגעקאכט אין די דקדוקי הלכה פון ברכת המזון, האב איך רעאגירט אז מיר האלטן יעצט אינמיטן שמועסן, און מיט'ן בענטשן וועט מען זיך שוין באלד אן עצה געבן.' ער האט זיך אבער נישט געלאזט און געזאגט, 'מיר זענען ערליכע אידן, און מען דארף זיך פירן כהלכה. לאמיר נעמען א פאר מינוט צו בענטשן געהעריג און דערנאך וועט מען שמועסן.'

"מיר האבן זיך אראפגעזעצט בענטשן, און ווען מיר האבן געהאלטן ביי 'הזן את הכל', איז פלוצלינג געשען א שרעקליכע זאך. דער ריזיגער הענג-לייכטער (שענדעליער) אינעם צענטער פון זאל וואס האט געוואויגן עטליכע טאן האט אראפגעטראסקעט איבער די קעפ פון די פילצאליגע באטייליגטע, און זיבעצן

---

דכשהולך למקום אחר נחשב כבר סילק ידיו מן הפת ואין ברכת המוציא יכול לפטור שאר מאכלים, ובמקום הדחק יש להתיר אם עכ"פ אח"כ יחזור לברך שם, ויש מקילים שאינו נחשב לסילוק לגבי דגים ובשר שהם עיקרי הסעודה, (עיין שו"ת קנין תורה ח"ג סי' נ"ח, שו"ת מנחת יצחק ח"ו סי' מ"ח, חשב האפוד ח"ג סי' י'). אבל כשנשאר במקום שבירך המוציא יש להקל יותר אפילו באופן שאינו חוזר לאכול פת בסוף הסעודה (עי' בחשב האפוד שם). 17. ובשעת הדחק יש להקל בבית אחד מחדר לחדר ומבית לעלייה שלא יצטרך לחזור לחדר שבירך המוציא כל שהיה בדעתו לברך ברהמ"ז במקום השני, אבל מבית לחצר ודאי צריך לחזור כל שאינו רואה מקומו הראשון. 18. ד.ה. דער טאג ווערט צעטיילט אויף 12 חלקים לויט דער גרויסקייט פונעם טאג אין יענער צייט פון יאר, נישט אויף גלייכע 12 חלקים וואס יעדער חלק איז איין שעה. 19. דמותר לפררו לפירורין דאין טוחן אחר טוחן. 20. כמבואר בסי' תמ"ד ס"ג דאף דמדינא רק דבר מועט מותר ליתן בסתמא מ"מ בכרמלית מותר אפי אם אומר לו בפי' להוציאו כיון שהוא שבות לצורך מצוה. 21. עי' בספרינו שלחן השבת דאף דאסור לנערו מהאבק שיש בה אבל מותר לנערו מהפירורים שעליו. 22. דבדבר שאינו בולע לא שייך כלל ליבון. 23. שו"ע או"ח מחבר סוסי' ש"ב. 24. כמבואר ברמ"א (סי' תמ"ד ס"ג) דאין מבשלים דייסא וכיו"ב מאכלי חמץ הנדבקים, ואם עבר ובישל והמאכל דבוק וא"א לקנחו יש להדיחו מעט כדי להעביר החמץ. 25. עיין שו"ת ויען יוסף (ח"ב סי' רנ"ו). וראה עוד בשו"ת מנחת יצחק (ח"ח סי' ל"ז) והליכות שלמה (פסח פ"ח סעיף יח) דהיות שמגעילן בזמן היתר אין בו תיקון מנא. 26. עיין שו"ת מנחת יצחק ח"ח סי' ל"ז. 27. משום דנחשבת כניקוי בעלמא ואין בזה משום בורר (עי' שש"כ). 28. יש שהחמירו בזה, ולמעשה יש להקל להסירו בידו בפרט לצורך מצוה, עיין פרדס יצחק (עמוד 600) השיטות בזה, ומביא עצה לאחוז הפירורים ביד אחת ולמשוך השטריימל ביד שני וילבש השטריימל מיד. 29. עיין בספרינו 'שנה ראשונה'. 30. ראה בזה בשו"ת חיי הלוי (ח"ז סי' לא יז). 31. דיש בזה חילוקי דינים, שאם לא נעשה מקודם יו"ט שום צירוף לחלה וביו"ט נעשה צירוף אז מותר להפריש גם ביו"ט כמו שמותר להפריש אם אפה עיסה ביו"ט, ואם היה צירוף סל מקודם יו"ט יש פוסקים דיכול בחוה"מ להפריש ממצה אחד אף אם היה מכמה עיסות, עיין שועה"ר סי' תנ"ז ס"י ובמ"ב סק"י. 32. עיין מ"ב סי' רס"א סק"ג דאף שבכל השנה אין להפריש חלה בער"ש ביהש"מ כיון דבחלת חו"ל יכול לאכול ולשייר חתיכה שיפרוש ממנה במו"ש, מ"מ גבי מצה דיש אופנים שצריך להפריש מכל חתיכה מותר להפריש.

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת הרבני הנעלה שייף עייל ושייף נפיק
ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, אשר עשה מלאכתו
אמונה בהגהת גליונות ספרי מכוננו
**הרה"ג ר' יעקב שמואל ב"ר**
**אלטר אהרן ז"ל פרייליך**
יארצייט ביום ה' ניסן - יהא זכרו ברוך
הונצח ע"י בנו פטרון **"זמירות שלחן השבת באידיש"**
לזכרו ולעילוי נשמתו
**ידידנו הנדיב מוה"ר משה יואל הי"ו**

זעקל מיט'ן חמץ אינדרויסן אויף דער גאס וואס איז הפקר (אויף א פלאץ וואו עס איז דא אן עירוב).

**לג]** ווען מען לייגט דעם חמץ אינעם מיסט-זעקל ("גארבעדזש בעג"), דארף מען זיין געווארנט נישט צו מאכן אפילו איין קניפ אין זעקל, צוליב'ן איסור פון מלאכת קושר (מאכן א קניפ).

### געבן פאר א גוי

**לד]** אזוי אויך קען מען געבן דעם חמץ וואס בלייבט איבער פאר א גוי'טע א.ד.ג., כאטש מען טאר נישט געבן שבת עפעס פאר א גוי אויב עס איז נישט וויכטיג - וויבאלד עס איז לצורך מצוה אויסצורוימען דעם חמץ פון שטוב, און עס איז מותר אפילו אויף א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב, און מען מעג הייסן דעם גוי עס ארויסטראגן[20].

### מטלטל זיין דעם חמץ נאכ'ן זמן איסור

**לה]** נאכ'ן סוף זמן אכילת חמץ ווערט נישט דער חמץ גלייך מוקצה, ווייל מען קען עס נאך געבן פאר א גוי במתנה, אבער נאכ'ן סוף זמן ביעור חמץ איז עס מוקצה וויבאלד עס איז אסור בהנאה.

### אויסקערן נאך דער סעודה

**לו]** נאך דער סעודה זאל מען אויסקערן דעם פלאץ מיט א בעזעם, און דערנאך זאל מען אויסשאקלען דעם בעזעם און לייגן צווישן דעם פארקויפטן חמץ.

**לז]** אויב מען עסט אויף א פלאץ וואו עס איז דא קארפעט, זאל מען ערשט אויסשפרייטן דערויף א פלאסטיק.

**לח]** אויב עס פעלט אויס, מעג מען לייכטערהייט אויסשאקלען דעם קאַרפעט פון די ברעקלעך[21], אבער מען טאר נישט ניצן א "קאַרפעט סוויפער".

### וואשן די ערד און קאונטערס

**לט]** מען מעג אפוואשן די קאונטערס געהעריג מיט וואסער און רייבן מיט דער האנט[22].

**מ]** אויב עס זענען דא אנגעקלעבעטע חמץ-ברעקלעך אויף דער ערד, קען מען ארויפגיסן אביסל וואסער און עס דערנאך אפווישן מיט א טרוקענע זאך וואס עס איז נישט דער סדר עס אויסצוקוועטשן נאכ'ן ניצן[23].

### אויסשווענקען חמצ'דיגע כלים

**מא]** וויבאלד מען טאר נישט שבת אויסשווענקען כלים וואס מען וועט מער נישט ניצן אין זעלבן טאג, דארף מען צוגרייטן דאס חמצ'דיגע עסן פאר שבת אין איינמאליגע כלים, אבער אויב מען האט גענוצט א געהעריגע כלי אויף חמץ און מען קען עס נישט אפווישן, מעג מען אויסוואשן פון חמץ און דערנאך לייגן צווישן די חמצ'דיגע כלים[24].

מענטשן זענען ל"ע געשעדיגט געווארן. עס איז געווען א שרעקליכע בהלה. שטיקער גלאז און שפליטערן זענען געווען צעשפרייט איבער'ן זאל. איינער פון די באטראפענע וועלכער איז געשטאנען גראד אונטער'ן הענג-לייכטער האט עס ליידער נישט דורכגעמאכט און איז אומגעקומען, ר"ל.

"אדאנק דעם וואס איך בין באלד אוועקגעגאנגען און זיך געזעצט בענטשן, בין איך ניצול געווארן פון דעם אומגליק, און פון דעמאלט אן," האט דער חבר מיינער אויסגעפירט, "האב איך א גרויס חביבות צו דער מצוה פון ברכת המזון, און איך בענטש יעדן טאג מיט כוונה."

ווי דער "רוקח" שרייבט, אז דער וואס בענטשט ברכת המזון, האט דער מלאך וואס ברענגט מיתה ר"ל נישט קיין שליטה אויף אים.

איך וויל צוענדיגן מיט די מורא'דיגע ווערטער פונעם "תורת המנחה" (א ראשון און תלמיד פונעם רשב"א): עס שטייט אין פסוק (תהילים קיט, קסד) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ" - דאס גייט ארויף אויף די זיבן ברכות וואס א מענטש איז מחוייב צו זאגן יעדן טאג מן התורה, איין ברכה פון ברכת התורה און די דריי ברכות פון ברכת המזון צוויי מאל א טאג. די אלע ברכות לערנט מען ארויס פון איין פסוק. "וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ" גייט ארויף אויף דער ברכה פון "הזן"; "על הארץ" גייט ארויף אויף "נודה לך"; "הטובה" גייט ארויף אויף "בונה ירושלים"; און "אשר נתן לך" איז ברכת התורה.

אויף דעם זאגט דוד המלך "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". "משפטי" גייט ארויף אויף דער ברכה פון ברכת התורה וואס איז מן התורה. "צדקך" גייט ארויף אויפ'ן בענטשן נאכ'ן עסן, וואס דאס עסן איז א צדקה (חסד) וואס דער אויבערשטער טוט מיט זיינע באשעפענישן, אז ער גיט זיי זייער שפייז אין צייט.

"אז א מענטש בענטשט די זיבן ברכות ווי עס דארף צו זיין," פירט אויס דער "תורת המנחה", "איז ער פון דעמאלט און ווייטער 'גאנץ' מיט'ן באשעפער וואס וועט אים געבן פרידן, ווי דער פסוק זאגט 'שלום רב לאהבי תורתיך ואין למו מכשול'".

*

**צו מיטטיילן ערשט-האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים ביטע פארבינדט זיך צום הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכן פעקס 845-517-1692 אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

⟵



**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**הרה"ח ר' זיידא עקיבא קיזעלניק שי'**

לרגל ההילולא קדישא של

**כבוד קדושת מרן הגה"ק בעל התורת מרדכי מוויזשניץ זצוק"ל**

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

**ויה"ר שימליץ טוב בעדו ובעד כל קהל ישראל**

### אויספוצן און אויסוואשן דאס מויל

**מב]** נאכ'ן ענדיגן עסן חמץ, פאר'ן זאגן "כל חמירא", דארף מען גוט אויספוצן און אויסוואשן דאס מויל. מען מעג אויספוצן די ציין מיט ציינשטעכערס ("טוט פיקס") אדער אפגעריסענע ציין-פאדעם ("דענטאל פלאָס"), אבער אויב מען ווייסט זיכער אז עס וועט קומען בלוט, איז עס אסור.

**מג]** אויב עס פעלט אויס, קען מען נעמען א ציין-בערשטל (אָן "טוט פעיסט") און לייגן וואסער אין מויל און אזוי פוצן די ציין לאנגזאם, אבער מען זאל נישט לייגן וואסער אויפ'ן בערשטל אדער עס איינטונקען אין וואסער.

### כשר'ן די ציין

**מד]** אויב מען האט נישט גע'כשר'ט די ציין פאר שבת (ווי ערקלערט אויבן), קען מען עס כשר'ן שבת[25].

**מה]** אויב מען האט נישט גע'כשר'ט די פאלשע ציין פאר שבת, קען מען עס אריינלייגן שבת אויף א פאר מינוט אין הייס וואסער אין א כלי שני[26].

### ברעקלעך אין דער בארד און פיאות אדער שטריימל

**מו]** מען מעג געהעריג ארויסנעמען ברעקלעך פון דער בארד אדער פיאות[27].

**מז]** אויב עס איז אריינגעפאלן א ברעקל טיף אינעם שטריימל, זאל מען צעשפרייטן די האר אז עס זאל אליין ארויספאלן. אויב מען קען דאס נישט טון, קען מען עס געהעריג ארויסנעמען[28].

**מח]** אויב עס האט זיך אנגעקלעבט שמוץ אויפ'ן שטריימל און עס איז זיכער אז עס וועט זיך אויסרייסן האר, זאל מען עס נישט אראפנעמען[29].

### "כל חמירא"

**מט]** פאר'ן סוף זמן ביעור חמץ דארף מען זאגן דעם נוסח פון "כל חמירא" וואס מען זאגט אלעמאל ביי שריפת חמץ, און די גאנצע משפחה זאל עס זאגן.

**נ]** אויב מען האט פארגעסן צו זאגן "כל חמירא" ביז'ן סוף זמן ביעור חמץ, קען מען מער נישט זאגן, ווייל דער חמץ איז מער נישט אין רשות פון מענטש אז מען זאל עס קענען מבטל זיין און מפקיר זיין.

## נאכ'ן סוף זמן ביעור חמץ

### איסור הנאה

**נא]** נאכ'ן זמן ביעור חמץ, איז דער חמץ אסור בהנאה. דערפאר, אויב מען באמערקט א שטיקל חמץ וואס מען האט פארגעסן אויסצורוימען, טאר מען עס נישט געבן פאר א גוי אדער פאר א בעל-חי, נאר מען זאל עס אריינווארפן כלאחר יד אין בית הכסא א.ד.ג..

**נב]** אזוי אויך טאר מען נישט קיין הנאה האבן פונעם ריח פון חמץ (פון א גוי אדער הפקר).

## עטליכע הלכות אויף שבת נאכמיטאג

### אנגרייטן צום סדר

**נג]** מען טאר גארנישט צוגרייטן שבת אויף דער סדר-נאכט אדער אויף די אנדערע טעג פסח.

**נד]** אויב ס'איז וויכטיג, מעג מען ארויסנעמען מאסט א.ד.ג. פון פריזער, אויב עס איז נאך דא גענוג צייט אז עס זאל זיך אויפלאזן און מען זאל נאך קענען טרינקען דערפון בייטאג.

**נה]** מוצאי שבת זאל מען ערשט זאגן "ברוך המבדיל", אדער "ותודיענו" ביי מעריב, און דערנאך קען מען אנהייבן די הכנות צום סדר. (פרויען וואס דאווענען מעריב דארפן נישט זאגן "ברוך המבדיל".)

### זיך אראפליגן שבת נאכמיטאג

**נו]** מען מעג זיך אראפלייגן שבת בייטאג כדי צו זיין אויסגערוט ביינאכט צום סדר, אבער מען זאל נישט ארויסזאגן אז מען לייגט זיך אראפ צוליב דעם. פאר קינדער קען מען יא זאגן, כדי זיי זאלן זיך ווען אראפלייגן און קענען זיין אויף ביים סדר.

### נייע וועש לכבוד יו"ט

**נז]** מען מעג אנטון שבת בייטאג נייע קליידער וואס מ'האט געקויפט אויף יום טוב, וויבאלד מען האט הנאה דערפון אויך שבת, אבער מען זאל נישט זאגן אז מען גייט עס אנטון אויף יום טוב.

### מטלטל זיין די מצה

**נח]** כאטש מען טאר נישט עסן מצה ערב פסח, מעג מען שבת מטלטל זיין די מצות וואס מען האט אין שטוב אויף יום טוב, ווייל עס איז ראוי צו געבן פאר קליינע קינדער וואס פארשטייען נאכנישט דעם ענין פון מצה, אבער די מצות וואס מען האט אוועקגעלייגט פאר'ן סדר, און אזוי אויך ספעציעל-מהודר'דיגע מצות וואס מען וויל נישט געבן פאר קינדער (צ.ב.ש. וואס מען האט אליין געבאקן, "ריחיים של יד", געקליבענע ווייץ, א.ד.ג.), טאר מען דעם שבת נישט מטלטל זיין[30].

### אויב מ'האט נישט חלה געגומען פון די מצות

**נט]** אויב מען דערמאנט זיך שבת אז מען האט נישט חלה גענומען פון די מצות, טאר מען נישט חלה נעמען שבת (סיי צוליב'ן איסור הפרשת חלה אין שבת, און סיי צוליב הכנה אויף יום טוב), און מען זאל פרעגן א שאלה צי מען מעג חלה נעמען יום טוב[31].

**ס]** אויב מען זיך דערמאנט פרייטאג נאכ'ן זמן הדלקת נרות, קען מען חלה נעמען מיט א ברכה, ביז נאך "בין השמשות"[32], אבער א פרוי וואס האט שוין געצונדן ליכט טאר נישט חלה נעמען.

**נאך הלכות פאר שבת נאכמיטאג און פילצאליגע הלכות פאר יום טוב פסח, זע אינעם גליון המוגדל לחג הפסח אי"ה**

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170